אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב ה' וַיִּשְׁמָע

# א דערהער
## אויף די פרשה

### פרשת בא

גליון ב׳



געשריבן און ארויסגעגעבן דורך:

**הרב אליהו יואל גליק**

באזירט אויף די שיעורים
און מאמרים פון
הגה"צ אבד"ק
**ברכת מנחם**
שליט"א

כל הזכיות שמורות

להערות והארות
וכן לקבל הגליון ע״י אימעיל
Ahderher@gmail.com
או אל:
414.533.7437

Design & Layout
sales@imagendesign.net

הגליון יו״ל מדי שבועיים בס״ד

# פרשת בא

## דער כח פון א אידישע נשמה

### משה רבינו, דער פאסטוך פון כלל ישראל

אונזער ליבער רבי משה רבינו, דער פאסטוך פון כלל ישראל, וואס האט אונז געגעבן די הייליגע תורה אויפ'ן בארג סיני, ווערט אנגערופן דער מושיען ומנהיגן של ישראל, דער העלפער און פירער פון אידן. דער העלפער ערשט, וואס האט אונז אידישע קינדער אזוי סאך געהאלפן אין מצרים בשעת מען האט געפייניגט אונזערע עלטערן, און אויך דער פירער וואס האט אונז מיט'ן שליחות פונעם באשעפער ארויסגענומען פון דארט און אונז געגעבן די לעכטיגע זיסע תורה אויף הר סיני און אונז געפירט דורך דעם שווערן טריקענעם מדבר פאר פערציג יאר.

שטעלט זיך אבער גאר א גרויסע פראגע: ווי אזוי קען זיין אז משה רבינו וואס איז געווען אינדרויסן פון מצרים פאר גאנצע זעכציג יאר

ביי זיין שווער יתרו אין מדין זאל אויסוואקסן צו זיין דער העלפער און דער פירער פון כלל ישראל. משה איז דאך אנטלאפן פון מצרים ביי די צוואנציג יאר און ערשט ביי די אכציג איז ער געוועהן צוריק צו שתדל'ען פאר אידישע קינדער ביי פרעה, ווי אזוי קען משה רבינו זיין ראוי און ווערן דער העלפער און פירער פון כלל ישראל, אויב ער איז נישט געווען דארט מיט זיי און פאר זיי פאר אזא לאנגער צייט?!

# א מנהיג דארף זען דאס גוטס אין אידישע קינדער

זאגט דער הייליגער **חתם סופר** זצוק"ל א מורא'דיגע ווארט:

ארויסצונעמען אידישע קינדער פון גלות דארף מען זען דאס גוטס פון א איד, מען דארף קענען זען און טרעפן די גוטע נקודות מיט וואס זיי זאלן זוכה זיין צו דער גאולה.

די אידן אין גלות מצרים זענען דאך געווען אין די מ"ט שערי טומאה, זיי זענען געווען אין גאר א נידריגער מדריגה. ווען משה רבינו וואלט דארט געווען מיט זיי וואלט ער נישט געזען דאס גוטס פון אידישע קינדער, ער וואלט געזען ווי שווער עס גייט זיי ברוחניות. אבער אז משה רבינו האט געלעבט אינדרויסן פון מצרים פאר זעכציג יאר האט ער געזען ווי די גוים זענען פיל נידריגער, זיי זענען פארטונקען אין נ' שערי טומאה, איז ווען ער איז צוריקגעקומען קיין מצרים איז זיין הארץ געשפרינגען מיט אהבת ישראל צו זען ווי די אידן זענען בעסער ווי אינדרויסן, ער האט געטראפן און געזען די גוטס פון אידישע קינדער, ער האט דורכגעזען זייער נידריגקייט און מלמד זכות געווען אויף זיי.

אט אזא איינער קען זיין און אויסוואקסן א גדול בישראל וואס דאוונט און בעט און איז מלמד זכות ביים אייבערשטן, אז עס קומט זיך פאר אידישע קינדער א גאולה שוין יעצט, זיי זענען דאך אזוי לעכטיג און הייליג, און אזוי פיל העכער ווי די גוי'שע גאס.

## שעצן א אידישע נשמה, אפילו דעם שוואכסטן

פון דעם זעען מיר דעם כח פון אוועקקוקן ווען עס קומט צו אונזערע טייערע אידישע ברידער. ווען מען קוקט אוועק און מען שטייט נישט איבער יענעמ׳ס אידישקייט, קען מען יענעם ערשט העלפן און ארויסנעמען פון זיין גלות.

ווען מען באמערקט יעדע שוואכקייט און מען קלאפט אראפ איז מען נאר מעורר דין אויף יענעם אז ער זאל חלילה נישט זוכה זיין צו שטייגן, אבער ווען מען קוקט אוועק אויף די שוואכקייטן און מען זעט נאר די פייערדיגע אור הנשמה פון יענעם, די באהאלטענע רצון וואס ליגט טיף באהאלטן ביי יענעם, מען זעט זיינע מעלות, איז מען מעורר זכותים אויף יענעם אז ער זאל זיך קענען הייבן ארויס פון זיינע שוועריגקייטן.

דאס איז גילטיג אפילו ווען יענער זאל זיין גאר שוואך. נישט קיין חילוק ווי שוואך א איד איז, שטייט ער פיל העכער פונעם גוי. ווי דער **בעל התניא** זי״ע שרייבט אויף א פלאץ אז יעדע אידישע נשמה ציט שטארק אויף ארויף און אפילו דער גאר שוואכסטער איד וואלט געטאנצן אין פייער פאר׳ן אייבערשטן אויב וואלט עס געקומען דערצו.

## דער פשוט׳ער פייבוש

דער הייליגער **תולדות יעקב יוסף** זי״ע שרייבט אין דער וואכעדיגער סדרה אז ער האט אמאל געהערט א אידישע פרוי אויסרופן אויף דער גאס אין רוסיש:

״עס איז זייער שיין אז מיר האבן אויסגעקליבן דעם אייבערשטן פאר אונזער גאט, אבער עס איז אויך זייער שיין אז דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקלויבט פאר זיין פאלק, ווייל קוקט ווי דער פשוט׳ער פייבוש האט מקדש שם שמים געווען ברבים״.

די מעשה איז געווען אז דארט אין מעזיבוש איז געווען גאר א פשוט׳ער איד מיט׳ן נאמען פייבוש וואס האט

געארבעט ביים פריץ. ער איז געווען גאר געטריי פאר'ן פריץ, אבער ווי דער מנהג ביי גוים האבן די חברים פונעם פריץ אנגערייצט דעם פריץ קעגן דעם איד, זאגנדיג אז ער איז נישט באמת געטריי צו אים; "פרוביר אים צו זאגן ער זאל אפלאזן דעם אידישן גלויבן און ווערן א משומד, לאמיר זען אויב ער וועט דיר פאלגן, לאמיר טאקע זען ווי געטריי ער איז".

דער פריץ האט געלאזט רופן פייבוש און אים פארגעלייגט צוויי אפציעס: אדער ווערסטו א משומד ה"י, אדער ווארפט מען דיך שוין אריין אין דעם פייער וואס ברענט אין הויף.

דער פשוט'ער פייבוש האט נישט געקלערט א סעקונדע, ער האט אויסגעשריגן מיט'ן גאנצן כח "**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**" און איז אריינגעטאנצן אין פייער על קידוש שמו יתברך, צו די געפלעפטע אויגן פון די פארזאמלטע.

## די ברענענדיגע געגועים צום אייבערשטן

אט דאס איז א איד. דער איד איז נישט קיין גוף, דער איד דארף נישט זיין גוף אויב עס איז נישט א גוף מיט וואס ער קען דינען און זיין איינס מיט זיין הייליגן טאטן אין הימל. ווער דארף לעבן אויב מ'קען נישט לעבן צוזאמען מיט'ן ליבן טאטן. א לעבן פארווארפן פונעם טאטנ'ס הויז איז נישט קיין לעבן.

אט דאס, די פייערדיגע געגועים צום אייבערשטן ליגט באהאלטן אין יעדן איינציגן איד. זיין נשמה וואס איז א חלק פון אויבן, לעכטיג און ריין פון אונטער'ן כסא הכבוד, לעכצט און בענקט ארויסצוגיין פון דעם גלות ביים סיטרא אחרא. ער איז וואויל, ער איז גוט, זיין נשמה פלאקערט ווי א לעכטל אויף ארויף, ווייל ווען עס ווערט ענג זעט מען דאס לעכטל שיינען ווי א ריזיגן פייער אפילו ביז צו קידוש השם.

אבער דאס נשמה'לע, דאס לעכטעלע זוכט אז מיר זאלן אים

העלפן ארויסקומען פון זיין גלות. ער זוכט און לעכצט פאר א ישועתן ומנהיגן של ישראל. ער זוכט מיר זאלן זען זיין גוטס. ער זוכט איינער זאל אים אונטערצינדן ווי אהרן הכהן דער אוהב שלום ורודף שלום וואס האט אונטערגעצינדן די ליכטעלעך יעדן אינדערפרי. ער זוכט מען זאל אים מקרב זיין מיט אהבה. ער זוכט מען זאל אים דן זיין לכף זכות און אזוי ברענגען פאר אים א גאולה פון אויבן און א גאולה דא אונטן אז דער מענטש זאל שפירן נענטער צום באשעפער מיט דעם וואס מען איז אים מקרב און מען ברענגט אים נענטער צו זיך.

## זארגן פאר די אייגענע רוחניות און יענעמ'ס גשמיות

משה רבינו האט אונז געלערנט אין אזוי פיל הינזיכטן וואס עס מיינט צו שפירן פאר יענעם, וואס עס מיינט פירערשאפט און וואס עס מיינט יענעם צו הייבן אין זיין רוחניות. דאס אלעס איז טיף פארבינדן, ווייל צו העלפן יענעם מיט זיין אידישקייט דארף מען זיין א "רואה בסבלותם", מען דארף זען און אנערקענען יענעמ'ס צער אויך בגשמיות, ווי דער הייליגער **בארדיטשובער רב** זי"ע פלעגט זאגן:

"מען דארף זיין פארנומען מיט יענעמ'ס גשמיות און מיט די אייגענע רוחניות".

און דער פשט איז נישט אז מען דארף נישט פרובירן צו הייבן א צווייטן, אוודאי דארף מען פרובירן צו הייבן א צווייטן, אבער אז דו ווילסט א טריט אריין צו יענעם אין הארצן, ווייז אים אז דו שפירסט אויך פאר אים בגשמיות, ווייז יענעם אז דו ווילסט אים באמת העלפן אפגעזען צי עס איז גשמיות אדער רוחניות. נאר אזוי האבן אונזערע הייליגע צדיקים, די תלמידי בעל שם הקדוש אויפגעהויבן אידישע קינדער נענטער און העכער צום אייבערשטן.

ווען מען לערנט א קליין קינד גיין איז מען נישט פארנומען אים

אראפקלאפן אז דער טריט איז נישט געווען גראד און ריכטיג, ער מעג אפילו פאלן כסדר, ער מעג אפילו האלבוועגס קריכן, אבער טאטע, מאמע און געשוויסטער זענען פול מיט פרייד און ליב ווערטער פאר'ן קינד: קוק, ער גייט! ער גייט! ווייל יעדער פארשטייט אז פאר א קינד איז דאס א געוואלדיגע דערגרייכונג און א צייט פון שמחה.

אט אזוי דארפן מיר אנקוקן אנדערע און אפילו זיך אליינס ווען מען וויל אנהייבן זיך צו הייבן. מען דארף טאנצן און זיך פרייען מיט די אייגענע און מיט יענעמ'ס גוטע נקודות. יעדע טריט אין דער ריכטיגער ריכטונג איז א שמחה גדולה נישט נאר דא נאר אין אלע עולמות עליונים. א קלייניגקייט? א אידעלע וויל ווערן נענטער! ער גייט טאקע מיט איין פוס טיף אין דער בלאטע, 'אבער קוק, ער גייט! ער גייט!' ווייזט דער באשעפער מיט זיין פמליא של מעלה. ער קומט נענטער צו אונז, לאמיר אים אביסעלע אונטערהאלטן און העלפן, נאך אביסלע קומט ער אינגאנצן ארויס פון זומפ.

אזמרה לאלוקי בעודי, מען דארף דינען דעם אייבערשטן "בעודי", מיט דאס ביסל וואס מען האט אין זיך פארבליבן, זאגט דער הייליגער **רבי נחמן פון ברסלב** זי"ע. מען דארף דינען דעם אייבערשטן מיט "אזמרה", זינגען און זיך פרייען אויף יעדן ביסל מען טוט. אבער מען דארף אוודאי געדענקען צו בעטן זיך צו קענען הייבן העכער און ווייטער ארויס פונעם שמוציגן זומפ בסיעתא דשמיא, ווייל א ריינע אידישע נשמה, א לעכטיגע בליטשקעדיגע דיאמאנט באלאנגט נישט אין קיין בלאטע, ער באלאנגט אין פאלאץ פון קעניג, דארט צווישן די טייערע אוצרות איידל באהאלטן.

## א איד!

צום גרויסן צדיק **רבי מענדל ביכעווער** זי"ע, דער זון פון דעם "יוד הקדוש" זי"ע, איז אמאל אריינגעקומען א איד אן ארעמאן אינגאנצן צעריסן און צעשליסן. דער איד האט נעבעך געהאט פילע וואונדן, עס איז געווען א שרעק ווי

אזוי ער האט אויסגעזען.

ווי נאר דער צדיק האט אים געזען איז ער געלאפן פון זיין פלאץ און אים געגומען קושן און מכבד זיין גאר שטארק, ער האט זיך פאראינטערעסירט אין דעם איד און אים געגעבן די פולסטע אויפמערקזאמקייט, אז די חסידים האבן גערעדט צווישן זיך אז דער איד מוז זיכער זיין א צדיק נסתר; עפעס האט דער רבי געזען א גרויסע ליכט אין אים.

שפעטער האט איינער פון די חסידים געגומען די קוראזש און פון גרויס נייגער געפרעגט דעם רבי'ן, "ווער איז דער איד געווען, וואס האט דער רבי געזען אין אים?"

**"איך האב גארנישט געזען אין אים אויסער איין זאך, אז ער איז א איד!!!"**

# דער פייער פון אלקות וואס הייסט "איד"

יא, די נשמה פון א איד איז געווען געגוג פאר'ן הייליגן צדיק אים צו מאכן לויפן און אים מכבד זיין ווי כביכול די שכינה הק' אליינס האט זיך באוויזן. און דאס איז בכלל נישט קיין משל אדער א דמיון. די שכינה רוט אין יעדן אידיש קינד אפגעזען ווי אזוי ער זעט אויס און אפגעזען אין וועלכע דרגא ער געפינט זיך.

ווען מען זעט א איד, זעט מען כביכול אן אות אין דער תורה, א חלק אין דער תורה, און מען דארף אים ליב האבן און מכבד זיין, ווייל ווען עס פעלט אפילו איין אות אין א ספר תורה איז דער ספר תורה פסול. מיר דארפן יעדן אידיש קינד ווי וואסער צום לעבן, ווייל זיין אות און נשמה איז וואס מאכט דעם גאנצן ספר תורה א כשר'ע ספר תורה.

'ווען איך זע א איד, זע איך א פייער פון אלקות ברענען אויף זיין קאפ ביז טיף אין דעם הימל אריין. איך זע נישט זיינע חסרונות. זיינע חסרונות איז נישט ער, זיינע שוואכקייטן איז נישט ער; זיינע חסרונות זענען קריצן פון דעם שווערן גלות ער גייט אדורך. זיין נשמה איז אלקות. איך זע נאר זיין גוטס, און איך וויל אים

ארומנעמען און טאנצן מיט אים ווי איך וואלט געטאנצן מיט א ספר תורה אויף שמחת תורה.

ווייל איך ווייס און פארשטיי אז ער איז אן אות אין דער תורה און אָן זיין לעכטיגן אור איז נישט דא קיין ספר תורה, ס'איז נישטא קיין כלל ישראל, און איך וועל טון אלעס אין דער וועלט אים צו מקרב זיין און מחזק זיין סיי מיט זיין גשמיות און סיי מיט זיין רוחניות מיט א פלאקערדיגער אהבת ישראל, ווייל איך האב ליב יעדעס אידיש קינד פון אונזער טאטן אין הימל, ווייל איך האב ליב מיין ברודער מיט מיין גאנצן הארץ, ווייל נאר אזוי וועל איך אים העלפן ארויסקומען פון זיין גלות, נאר אויב איך וועל זען זיין גוטס ווי משה רבינו דער מושיען און מנהיגן של ישראל וועט ער קענען ארויסקריכן פון זיינע שוועריגקייטן און זוכה זיין צו דער גאולה - א גאנצע און אמת'ע התקרבות צום הייליגן באשעפער און זיין ליכטיגע תורה הק'.

## משה רבינו אנשטאט רבינו משה

משה רבינו רופן מיר ערשט משה און נאכדעם רבינו, עס איז אנדערש ווי דער אלגעמיינער וועג ווי אזוי מיר רופן אונזערע גדולי ישראל, וואס קודם זאגט מען דעם טיטל פון "רבינו" און שפעטער דעם נאמען. וואס ליגט אונטער דעם אז דוקא משה רבינו רופט מען אויף דעם סדר?

ווייל אונזער רבי משה רבינו האט אונז געלערנט גאר א גרויסער יסוד. ער האט אונז געלערנט אז קודם דארף מען זיין א "משה", מען דארף שפירן פאר יענעם ווי א חבר. יא, איך הייס "משה" און איך בין דיין חבר, איך שפיר פאר דיר בגשמיות. "וירא בסבלותם", איך בין דא פאר דיר, איך זע נאר דיינע מעלות און איך זע נאר דאס גוטס וואס איז באהאלטן אין דיר.

שפעטער ערשט, נאכדעם וואס מען האט יענעם מקרב געווען ווי א חבר קען מען ווערן א מנהיג ישראל, מ'קען

ווערן א "רבינו", מ'קען משפיע זיין אויף יענעמ'ס שוין יעצט אפענעם הארץ אים צו הייבן און מקרב זיין ברוחניות און אים ברענגען א גאולה. ווייל ווען יענער שפירט דו ביסט זיין חבר, דו שפירסט אמת'דיג פאר אים, וועט ער וועלן מקבל זיין פון דיר מיט הכנעה און ווערן בעסער, ווייל ער ווייסט אז דו מיינס זיין טובה מיט'ן גאנצן הארץ.

משה רבינו הייסט משה פון דעם לשון פון "ארויסציען", כי מן המים משיתיהו, אויף דעם וואס בתיה האט ארויסגעשלעפט זיין קאסטן פון וואסער. משה רבינו אונזער רבי האט אונז געלערנט און לערנט אונז ביז'ן היינטיגן טאג, ווי אזוי מען שלעפט זיך און אנדערע ארויס פונעם וואסער, ער האט אונז געלערנט אז מען שלעפט יענעם ארויס מיט'ן זען יענעמ'ס גוטס, און מיט'ן שפירן און טון פאר יענעם, און ערשט שפעטער קען מען אים מקרב זיין לעבודת הבורא.